**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט 10 מיליאן דאלאר און נייע אפליקאציע רונדע פון NYFIRST פראגראם צו פאראויסרוקן טרענזלעישענעל פארשונג ביי ניו יארק מעדצינישע שולעס**

***נייע אפליקאציע רונדע שטעלט צו פארלענגערטע 12-חדשים אפליקאציע צייט-אפשניט און ראולינג עדמישענס פאר מער בויגזאמקייט***

***רונדע 6 אפליקאציעס און אנווייזונגען צו באקומען [דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן א 10 מיליאן דאלאר אויסברייטערונג פון די ניו יארק פאנד פאר אינאוואציע אין פארשונג און סייענטיפישע טאלאנט (New York Fund for Innovation in Research and Scientific Talent, NYFIRST) און די אנהויב פון די פראגראם'ס לעצטיגע רונדע. די פראגראם, וואס ווערט געפירט דורך עמפייער סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development), האט מצליח געווען צו פארשטערקערן די סטעיט'ס טרענזלעישענעל פארשונג מעגליכקייטן זייט איר גרינדונג אין 2018. די פראגראם שטעלט צו גרענטס פאר מעדיצינישע שולעס צו ציען צו זיך און אנהאלטן צו ערשט-קלאסיגע טרענזלעישענעל פארשונג סייענטיסטן אין ניו יארק סטעיט, מיט די ברייטערער ציל פון העלפן אנטוויקלען בייאו-טעק סטארט-אפס, און שאפן אנהאלטנדע עקאנאמישע וואוקס דורך שאפן הויכע-סקיל דשאבס און ביזנעס געלעגנהייטן. טרענזלעישענעל פארשונג בויעט אויף יסודות'דיגע סייענטיפישע פארשונג צו טרעפן נייע וועגן צו דיאגנאזירן און באהאנדלען מעדיצינישע פראבלעמען. אפליקאציעס פאר די זעקסטע רונדע פונעם פראגראם וועלן לויפן פאר א פולע 12 חדשים מיט ראולינג רעוויוס, ערלויבנדיג מעדיצינישע שולעס צו אריינגעבן אפליקאציעס ביז אפריל 30, 2026. מער אינפארמאציע קען מען טרעפן אויף די [NYFIRST פעידש פון די עמפייער סטעיט אנטוויקלונג וועבזייטל](#).

"אונזער NYFIRST פראגראם האט זיך באוויזן אלס א טראנספארמירנדע כח פאר סייענטיפישע פארשריט, טוישנדיג ניו יארק'ס מעדיצינישע אינסטיטוציעס צו פאוער-האוזעס וואס ציען צו זיך די קלוגסטע מוחות אין פארשונג," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די 10 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג טוט ווידער פעסטשטעלן אונזער איבערגעגעבנקייט צו שאפן א דינאמישע לעבן סייענס עקאו-סיסטעם וואו דורכברעכנדע אינאוואציעס בליען און שאפן סוסטעינעבל, הויכע-ווערד דשאבס דורכאויס אונזער סטעיט."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען אזוי ווי NYFIRST, שטעלן מיר ניו יארק אין פלאץ אלס די בעסטע דעסטינאציע פאר לעבן סייענס אינאוואציע אלוועלטליך. ווען אויסערגעוויינליכע סייענטיפישע טאלאנט וועלט אויס אונזער סטעיט, קענען זייער איניוואטיוויע לאבארעטארי געפונסן זיך שנעלער אנטוויקלען צו לעבנס-טוישנדע באהאנדלונגען וואס קענען בעניפיטירן אלע ניו יארקער."

די נייע 12 חדשים אפליקאציע צייט-אפשניט שטעלט צו פאר יעדער מעדיצינישע שולע די בויגזאמקייט צו קענען אהערשטעלן איר בעסטע קאנדידאט אויף א סקעדזשול וואס ארבעט זיך אויס די בעסטע—בעיקר וויכטיג ווען מען ארבעט אויס נייע ערטער פאר פארשער און זייער טיעמס פון איבער די לאנד. מעדיצינישע שולעס קענען זיך נאר איינגעבן איין מאל אין יעדער אפליקאציע רונדע. די בויגזאמקייט פארזיכערט אז די אויספארשער וואס מען נעמט אויף טוען רעפרעזענטירן די בעסטע קאנדידאטן אין זייער תחומים, מיט בעניפיטן צו די סטעיט'ס לעבן סייענס עקאו-סיסטעם וואס האלטן אן לאנג נאך די גרענט תקופות. מען קען באקומען די נייע אפליקאציע בויגנס אויף די NYFIRST פעידש פון די עמפייער סטעיט אנטוויקלונג וועבזייטל.

NYFIRST איז געגרינדערט געווארן אין 2018 מיט אן ערשטע פינאנצירונג פון 15 מיליאן דאלאר. די פינאנציעלע יאר 2025 ענעקטעד בודשעט האט צוגעשטעלט נאך 10 מיליאן דאלאר פאר NYFIRST, אנערקענענדיג איר מעגליכקייטן צו טרייבן באדייטנדע לעבן סייענס עקאנאמישע אנטוויקלונג לענגאויס די סטעיט. די פראגראם שטעלט צו ביז 1.0 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו דעקן די קאסטן פארבינדן מיט יעדער אויספארשער'ס פארשונג, מיט אלע פינאנצירונג פארלאנגען דעטאלירט אין די אנווייזונגען.

זייט די אנהויב פונעם פראגראם, זענען 12 NYFIRST גרענטס געשאנקען געווארן פאר מעדיצינישע שולעס אין ניו יארק, ברענגענדיג טאלאנט צום סטעיט און דירעקטערהייט שאפן מער פון 160 נייע דשאבס, ארייננעמענדיג 95 נייע ארבעטער פון אינדרויסן ניו יארק סטעיט. די אויפגענומענע פארשער האבן געברענגט אומגעפער 25.7 מיליאן דאלאר אין NIH און אנדערע פינאנצירונג צו זייער ניו יארק אינסטיטוציעס און האבן זייט דענמאלס געשאפן נאך 93.1 מיליאן דאלאר אין דרויסנדיגע פינאנצירונג. אלע אויספארשער וואס מען האט אויפגענומען אין די ערשטע פינעף אפליקאציע רונדעס האבן געשאפן דשאבס און ארבעטן ווייטער אין די שולעס וואס האבן זיי אויפגענומען, ארויסווייזנדיג אז NYFIRST טוט נאכקומען איר צילן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן